Bild-Nr.: JG1167-0-01-0138-0274 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

# אלעזר אַטלאַס

געבאַרען אין בייסעגאָלע תרי״ב, געשטאָרבען אין ביאַליסטאָק ניסן תרס״ד.

איינער פון די אינטערעסאנטסטע משכילים־טיפען פון דעם פארגאנגענעם דור איז בלי ספק געווען דער גרויסער תלמיד־חכם און געלעהרטער, דער געניאלער קריטיקער, דער פקח שבפקחים (ווי סאקאלאוו פלעגט איהם אנרופען) אלעזר אטלס. אין נארמאלע צייטען האט בשום־אופן ניט געקענט אזא פערזענליכקייט ווי אלעזר אטלס אזוי שנעל פארגעסען ווערען. זיינע אריגינעלע מאמרי בקרת אין די ערשטע דריי יאהרגאנג „האסיף״, זיין „ריב״ש ובני דורו״ אין דעם יאהרבוך „הכרם״ וואס ער האט ארויסגעגעבען, האבען אין זייער צייט א גרויסען רושם געמאכט אין דער העברעאישער ליטעראַרישער וועלט און דעם מחבר באריהמט געמאכט. די צייטען הייזען זיך אבער געענדערט, עס איז אויפגעשטאנען א גאנץ נייער סארט העברעאישע ליטעראטען, ליטעראטען וואס זיינען קנאפע מחותנים מיט חכמת ישראל, מיט דער תלמוד־ישער ליטעראטור; דעם אלטען בית־מדרש קיינמאל אין די אויגען ניט געזעהן און קיינמאל ניט געזעהן אין דער ווירקליכקייט ביאליק׳ס „מתמיד״. די מייסטע פון זיי האבען זיך אויסגעהאדעוועט אויף כרעסטאמאטיעס און אויף בן־יהודה׳ס „מלון״, נון וואס פאר א באטרעף קענען האבען ביי זיי אט די דאזיגע אטלס׳ען וואס האבען ניט געשריבען קיין שירים איבער א „נערה שנתפתתה״, איבער א „כלבלב״ וכדומה?...

דאס מערקווירדיגסטע ביי אטלס׳ן איז ניט נאר זיין אייגענטימליכע ליטעראַרישע ארבייט, זאנדערען אויך זיין אריגינעלע פערזענליכקייט. געבארען אין א קליין שטעדטעלע בייסאגאלע (קאוונער גוברעניע) אין יאהר 1852. זיין פאטער ר׳ דוד אטלס, א איד א גרויסער למדן און א ירא שמים האט איהם ערצווינגען צוזאמען מיט זיין ברודער הרב ר׳ מאיר אטלס (שאוולער רב) גאנץ נאך דעם אלטען סיסטעם, און א חוץ דעם תלמוד צו קיין זייטיגע בילרונג ניט צוגעלאזען. ביידע ברידער האבען געהאט עלויישע פעהיגקייטען און זיך צוגעגרייט צו רבנות, אלעזר אטלס האט צוואר אמאל פרובירט אין דער יוגענד שיסען א מאמר צום „הכרמל״, אבער נאכדעם ווי דער פאטער האט זיך

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

רערפון רערוואוסט און זיך שטארק געבייזערט אויף איהם, האט ער שוין ווייטער ניט געשריבען.

זיך צו פארזיכערען אז ער זאל ניט אראפ פון וועג, האט דער פאטער איהם יונגערהייט חתונה געמאכט. נאך דער התונה האט ער איבער צעהן יאהר אפגעלעבט אין זאגער, וואו ער איז אנגעקומען פאר אן איידים, געווארען א קרעמער און זיך זעהר געקוועלט אויף צו מאכען א לעבען.

א דאנק דעם וואס זאגער איז געווען אין יענער צייט איינע פון די אינטעליגענטסטע שטערט אין ליטא, מיט גרויסע געלעהרטע און פרייוואט־ביבליאטעקען, האט אטלס געהאט די מעגליכקייט צו באקומען מיט דער צייט א גרינרליכע אוניווערסאלע בילדונג. אזוי ווי ער איז פאר דער גאנצער צייט קיינמאל ניט אויפגעטרעטען אין דער עפענטליכקייט און פאלשטענדיג פרעמר געווען אין דער ליטערארישער וועלט, דאריבער איז קיין וואונדער ניט אט די גרויסע איבערראשונג, וואס ער האט ארויסגערופען מיט זיינע גייסטרייכע קריטיקען אינ׳ם ערשטען „האסיף“ פון יאהר 1884.

זעלטען ווער פון די ליטעראטען איז מיט אזא גרויס שטורם, אבער אויך מיט גרויס ערפאלג צוגעטראטען צו דער ספרות ווי אלעזר אטלס. מיט זיין שארפען פעדער, מיט זיין בייסיגער סאטירע און מיט זיין אייגענטימליכען סטיל האט ער ארונטערגעריסען די קרוינען פון באוואוסטע ליטערארישע פירשטען; אהן רחמנות צושטערט אלע איינגעפונדעוועטע מלוכות און ארויפגעווארפען אן אימה ופחד אויף אלע מחברים. מיט זיינע קריטיקען אין צווייטען „האסיף“ האט ער נאך מעהר צוגעצויגען אויף זיך דאס אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט, אז מאנכע האבען שוין אנגעהויבען איהם האלטען פאר א צווייטען „פיסארעוו“. אויך זיינע היסטארישע קריטיקען איבער דעם „ועד ארבע ארצות“, וואו ער צושלאגט די מיינונגען פון הארקאווי, פון גרעץ און פון דובנאוו׳ן, האבען דאמאלסט געמאכט א גרויסען רושם אין די געלעהרטע קרייזען. אז איך האב איהם אמאל געפרעגט, וואו האט זיך ביי איהם גענומען די קוראזש, נאך זייענדיג א ניילינג אויף דעם היסטארישען געביט, זיך צו שטעלען געגען אזעלכע בערען, ווי גרעץ, הארקאווי און דובנאוו, האט ער מיר געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט א מעשה׳לע: א פריץ איז אמאל אין כעס געוואורען אויף זיין ארענדאטאר און ער האט איהם ארויסגעגעבען זיין פסק, אז ער מוז די נאכט נעכטיגען ביי איהם אין שטאל צוזאמען מיט א בער, אזוי אבער ווי דער בער, דערזעהענדיג א מענשען, וועט ער איהם בודאי טויטען, האט דער פריץ פון רחמנות־וועגען איהם ארויפגעטהאן א בערענע פעל, אפשר וועט דער בער מורא האבען איהם

צו טשעפען. דער איד, נעבאך א צושראקענער, איז ארייננעקראכען ווי א בער, אויף אלע פיער, אין שטאל אריין, און דערזעהענדיג דעם אמת׳ען בער, איז אויף איהם ארויף אן אימה ופחד און האט אנגעהויבען צו זאגען וידוי. אין מיטען דערהערט ער, ווי דער אמת׳ער בער מורמעלט אויך עפעס און דאכט זיך איהם, אז ער זאגט אויך וידוי (ווייל דער פריץ האט דעמזעלבען קונץ מיט נאך א אידען געמאכט) אז זיי זיינען זיך צוגעקומען נעהענטער האבען זיי דערזעהן אז זיי זיינען ביידע ניט קייזבערען, נור פשוט׳ע מענשען. אט אזוי איז אויך מיט אונזערע גרויסע ליטעראטען־בערען. זיי זיינען אזוי לאנג בערען, ווי לאנג זיי זיינען פון ווייטען, קוים רוקט מען זיך צו נעהענטער צו זיי, דערזעהט מען, אז זיי זיינען גאר קיין בערען ניט, נאר פשוט׳ע מענשען".

אין יאהר 1887 האט ער ארויסגעגעבען דעם יאהרבוך „הכרם", וואס אויסער זיין וויסענשאפטליכער מאמר „ריב"ש ובני דורו", האט אויך א גרויסען אויפזעהן געמאכט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי׳ם ערשטער ארויסטריט אין דער ליטעראטור מיט זיין מאמר „השקפה על ישיבת וואלאזין", ווי אויך חיים יחיאל בארנשטיינ׳ס קלאסישער מאמר „פרשת העבור". מערקווירדיג, דאס טראץ זיין גרויס חכמה און גוטען געשמאק איז דער חלק פון די „שעהנע ליטעראטור" אין „הכרם" זעהר מיאוס ארויסגעקומען, דאס א חוץ דער שיר „אב לבנים" פון מ. מ. מאנאסאוויץ פון ליבוי, האבען די שירים און די ספורים קיין טעם און קיין ריח ניט. אז עס איז אמאל אויסגעקומען צו רייד וועגען דעם און איך פרעג איהם, סטייטש, ווי קומט אזא פקח ווי ער זאל אנגעהמען אזעלכע שונד, האט ער מיר גענטפערט מיט זיין בא׳חנ׳טען שמייבעל, אויך מיט א מעשה: „ניקאלאי דער ערשטער איז אמאל געקומען קיין מינסק. אזוי ווי עס איז א מצוה צו זעהן א קיסר אום צו מאכען א ברכה ,איז איינער א בטלן פון א קלויז אויך געלאפען זעהען. וויסענדיג אז ניקאלאי וויל ניט ליידען קיין לאנגע פיאות און לאנגע קאפאטעס, האט ער פארקאשערט די לאנגע פאלעס און זיי צוגעהאלטען מיט איין האנד, מיט דער צווייטער האנט האט ער צוגעהאלטען די היטעל, וואו ער האט באהאלטען די לאנגע פיאות. לויפענדיג אין אזא משונה׳דיגע פאזע, האבען אלע פארבייגעהער פון איהם חוזק געמאכט. דער פרוש האט ניט פארשטאנען ווארום לייטען לאכען פון איהם, דאכט זיך דער קיסר וויל האבען, אז אידען זאלען אויסקוקען ווי דייטשען, מיט קורצע קליידער און קורצע פיאות, טא מוז איך זיין רצון טהאן, בעת איך קום זיך ציינען פאר איהם; אי וואס איהר זאגט, אז עס איז ניט שעהן אזוי, א ריינע כפרה אויף איהם, זאל זיך איהם ניט וועלען מאכען אידען פאר דייטשען. דאס

Bild-Nr.: JG1167-0-01-0140-0277 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



אייגענע איז געווען מיט מיר. איך האב געוואלט ארויסגעבן א ריינ־
וויסענשאפטליכען יאהרבוך, איז אבער דער פארלעגער צוגעשטאנען,
אז מען זאל אויך צוגעבען פון דער „שעהנער ליטעראטור", טא נאט
אייך שירים און ספורים, אז איהר וועט שוין פארזאגען א צעהנטען
ניט צו בעטען אזעלכע סחורה."

מיט דאס ארויסגעבען פון „הכרם" האט זיך כמעט געענדיגט
זיין ליטערארישע ארבייט. אלץ וואס ער האט שפעטער געשריבען,
וואלט אפשר כדאי געווען פאר איהם און פאר דער העברעאישער
ליטעראטור, ווען זיי וואלטען ניט געשריבען געווארען. יערענפאלס
האט ער דורך זיינע פובליציסטישע מאמרים „מה לפנים ומה לאחור"
און באזונדערס דורך זיינע מאמרים אין „הפלס" און אין דעם פאמ־
פלעט „אור לישרים", זעהר פיעל פון זיין רעפוטאציע פארלארען
און געווארען אפגעשטעמפעלט פאר א רעאקציאנער און פאר דעם
געפעהרליכסטען אנטי־ציוניסט.

אטלס׳עס איבערגאנג צו די אולטרא־ארטאדאקסען פון רבי עקיבא
ראבינאוויץ׳עס און יעקב ליפשיץ׳עס חדר, איז פארבליבען א רעטעניש
ביי זיינע אלע פריינד וואס האבען איהם געקענט פון ווארשא. ביי
מיר אבער איז דאס קיין חידוש ניט געווען. גראד אין זיין איבער־
גאנגסצייט, אין די יאהרען פון 1889 ביז 1894, האט ער צוגעבראכט
אין ליבוי, און אזוי ווי ער האט דארט געלעבט אליין, אהן זיין פא־
מיליע, איז ער געווען כמעט מיין טעגליכער גאסט און מיר זיינען
געווארען אינטים באפריינדעט. ווי ווייט איך האב איהם דערקענט,
איז ער געווען פון דער נאטור אז ארטאדאקס, א קנאי און אויך
געווען א מדקדק במצוות, טראץ מאנכע פרייע אידעען זיינע. א חוץ
דעם האט ער געהאט א שוואכקייט צו ווערען זיין אריגינעל און צו
שווימען שטענדיג געגען שטראם, און בפרט האט זיין זויבערער כא־
ראקטער ניט געקענט פארטראגען, אז מענשען זאלען וועלען אויסנוצען
א פאלקס־אידעע צו פערזענליכע צוועקען, און דאס אלץ האט געבראכט
זיין התנגדות צום ציוניזם. אין דער ערשטער פעריאדע פון חבת
ציון איז ער אליין געווען א ווארימער אנהענגער, אבער נאכדעם ווי
די אידעע איז זעהר פארשפרייט געווארען צווישען פאלק, און מאנכע
פון די פיהרער האבען געזוכט דערפון צו מאכען א קרעמעל, האט
זיך אין איהם דערוועקט דער און־ברחמנות־דיגער קנאי געגען די דא־
זיגע פיהרער. פון דער אנדער זייט האט איהם געטריבען צו התנגדות
זיין פשוט־ער אינסטינקט, ניט צו וועלען געהן מיט די מאסען. דאס
אלעס האט איהם אריינגעטריבען אין דעם אנטי־ציוניסטישען
לאגער, וועלכער האט איהם צוגענומען מיט אפענע ארעמס און זיך מיט
איהם געצאצקעט. אלענפאלס זיינען זעהר אונגערעכט געווען די

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB DFG

Bild-Nr.: JG1167-0-01-0140-0278 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



יעניגע ציוניסטען, וואס האבען ניט געוואלט צולאזען די ביאליסטאקער ציוניסטען, אין 1902, צו פייערען זיין פופציג־יעהריגען יובילעאום. דען נאך אלעם דעם איז אטלס געוועזן אן עהרליכער געגנער, אהן שום זייטיגע פניות. נאך מעהר: זיין געגנערשאפט האט איהם שטארק געשאדט צו זיין פריוואט לעבען און כמעט איהם געקאסט זיין חיונה.

קיין גרויס נחת האט ער בכלל פון זיין קורצען לעבען ניט געהאט, כל ימיו געוועזן א נע־ונד־ניק, פארנומען מיט דאגת פרנסה: געוועזן א מלמד, א קרעמער, א רעדאקטאר, א געהילפס־רעדאקטאר, א קאמיסאנער, א בוכהאלטער און געענדיגט זיין לעבען זייענדיג א הויז־לעהרער אין מאסקווא. פון אלע זיינע פרנסות האט ער זעלטען ווען געהאט חיונה אויף זאט. טראץ זיין שארפען שכל איז ער א קנאפער סוחר געוועזן, ווי איך האב מיך איבערצייגט אין די עטליכע יאהר וואס ער האט פארבראכט אין ליבוי אלס תבואה־קאמיסאנער. ער איז געוועזן א טעגליכער באזוכער אויף דער בערזע, און א דאנק זיין גייסטרייכע און וויציגע אונטערהאלטונג האט ער תמיד געהאט ארום זיך א קרייז פון סוחרים, וואס פלעגען מיט אויפמערקזאמקייט זיך צוהערען זיינע פראקטישע באמערקונגען אין די ענינים פון תבואה־האנדעל. קוים אבער האט ער אליין געהאט א וואגאן תבואה צו פארקויפען, פלעגט ער ארומגעהן א צוטומעלטער מיט גרויס פזור הנפש, גאר ניט מעשה סוחר, און פלעגט תמיד לייזען פאר זיינע סחורה וועניגער ווי אן אנדערער, ביז ער האט ביסלאכווייז אנגעווארען זיינע קליענטען און פארלאזען ליבוי. בעפאר ער איז אוועק פון ליבוי האט ער דורכגענומען דעם קורס פון מיינע בוכהאלטעריע, און אנגענומען דערנאך א שטעלע פאר א בוכהאלטער ביים באוואוסטען סוחר און כלל־טהוער אהרן יהושע שאפירא, אין ביאליסטאק.

פאר די זיבען יאהר וואס ער האט צוגעבראכט אין ביאליסטאק, פון 1895 ביז 1902, ניט האבענדיג מעהר קיין גרויס דאגת פרנסה, האט ער זיך ווידער גענומען צו וויסענשאפטליכע ארבייט, געענדיגט זיין ספר „קרית ארבע“ איבער דעם ועד ארבע ארצות, אויך אנגעשריבען א ספר „תולדות ישראל בפוילין“. ליידער זיינען דיביידע כתבי־יד, וואס האבען נעהאט א גרויסען היסטארישען ווערטה, פארלארען געגאנגען בעת עם זיינען גע־גנב׳עט געווארען זיינע זאכען פאהרענדיג צוריק פון מאסקווא.

זיין מאטעריעלע לאגע האט זיך ערשט ריכטיג פארבעסערט, בעת ער איז אנגעקומען קיין מאסקווא פאר א הויז־לעהרער ביי דעם ארטאדאקסישען גביר זעליג פעדסיץ, אין יאהר 1902. ליידער איז ער דארט נאר קנאפע צוויי יאהר פארבליבען, דען עטליכע טעג פאר פסח, 1904 האט זיך געענדיגט דער סראק פון זיין פראוואזשיטעלסטווא, און

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
UB Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1167-0-01-0141-0279 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main



טראָץ אַלע השתדלות האָט ער תיכף געמוזט פאַרלאָזען מאָסקווא. נאָכמעהר, ער איז דאַמאָלסט געווען אַ געפעהרליכער חולה און דריי גרויסע דאָקטוירים האָבען ארויסגעגעבען אַן אַטעסט, אַז דאָס פאָהרען אין אַזאַ געפעהרליכען צושטאַנד איז ממש סכנת נפשות. אָבער דער דאָקטאָר פון אוטשאָסטאָק, אַ שוואַרץ־מאַה־ניק, האָט געזאָגט, אַז די נסיעה וועט איהם ניט שאַדען. און אַזוי האָט ער געמוזט אָוועקפאָהרען צוויי טעג פאַר פסח. ניט מעהר געקענט באַווייזען צו קומען אויף פסח אין זיין היים, אין ביאַליסטאָק, און פאַרבליבען די ערשטע טעג אין מינסק. חול־המועד איז ער קוים דערפאָהרען ביז ביאַליסטאָק, אַנגעקומען אַ חולה־מסוכן און טאַקע אין דריי טעג אַרום געשטאָרבען אויף די הענד פון זיין בעסטען פריינד דר. כאַזאַנאָוויץ.

ריכטיג אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון אַלעזר אטלס האָט נחום סאָקאָלאָוו אין אַ מאמר ראשי וואָס ער האָט אַנגעשריבען צו זיין פופציגיעהריגען יובילעאום. נאָכדעם ווי ער שטעלט איהם אָוועק אין דער רייהע פון אַ ר׳ צבי חיות, אַ מין מרדכי פלונגיאַן, און אַז ער וואָלט געקענט מעהר צייט אָפּגעבען פאַר חכמת ישראל, וואָלטען מיר געהאַט נאָר אַ צונץ, נאָך אַ „דורות הראשונים“, פיהרט ער אויס, אַז צו אַטלס׳ן מיט זיינע תלמוד־ישע חריפות, מיט זיין אָריגינעלע סאַטירע, מיט זיין עכט־אידישען וויץ, איז קיין גלייכען ניטאָ אין היינטיגען דור. ער איז ניט קיין מליץ, ניט קיין דרשן, ניט קיין שתדלן און ניט קיין כלל־טהוער, ווייל ער איז אַ איד אַ פּקח, אַ פּקח שבפּקחים, און די טבע פון קלוגע איז: צו זיין פּראַקטיש, יעדע זאַך באַרעכענען מיט׳ן שכל, מעהר ניין זאָגען ווי יאָ זאָגען, זיין געניינט צו קריטיק, ניט זוכען קיין כבודים, אַנטלויפען פון גבאות, שטעהן שטענדיג פון ווייטען און אָפּלאָכען, אָדער נעהמען ערנסט און אין דער שטיל זיך ערגערען.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG